# וויאזוי די mRNA קאָוויד-19 וואַקסינען ארבעטן

**באקומען די וואַקסין העלפט זיך צו באשיצן, און קען אויך מעגליך באשיצן אייער משפחה און פריינט.**

צוויי mRNA קאָוויד-19 וואַקסינען זענען באשטעטיגט געווארן צו נוצן אין די פאראייניגטע שטאטן: פייזער-בייאָענטעק און מאָדערנא.



## 1. אנווייזונגען

mRNA גייט אריין אין אייער גוף מיט אנווייזונגען וויאזוי צו מאכן א שפיץ (ספּייק) פּראָטין וואס געפונט זיך אויף די ווירוס וואס ברענגט קאָוויד-19.




## 2. פּראדוקציע

אייער גוף מאכט דעם שפיץ (ספּייק) פּראָטין. דאס איז גורם אז די גוף זאל מאכן אַנטיבאָדיס.



## 3. אויסרייניגונג

אייער גוף צונעמט און ווערט פטור פון די mRNA.



## 4. שוץ

אויב די ווירוס וואס ברענגט קאָוויד-19 קומט אריין אין אייער גוף, וועלן די אַנטיבאָדיס דערקענען און באקעמפן די ווירוס, באשיצנדיג אייך פון קראנק ווערן.

## mRNA וואַקסין פאקטן

- די קאָוויד-19 וואַקסינען זענען אריבערגעגאנגען ברייטע קלינישע שטודיעס וואס זענען איבערגעקוקט געווארן דורך די עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA) און דורך אנדערע מומחים. די וואַקסינען זענען אויפגעוויזן געווארן צו זיין זיכער און זייער ווירקזאם ביים באשיצן מענטשן פון ערנסטע קאָוויד-19 קרענק.
- די mRNA וואַקסינען אנטהאלטן נישט די ווירוס וואס איז גורם קאָוויד-19.
- איר קענט נישט באקומען קאָוויד-19 פון די וואַקסינען.
- די וואַקסינען קענען נישט טוישן אייער DNA.

פאר אינפארמאציע איבער בארעכטיגונג פאר א וואַקסין, באזוכט **nyc.gov/covidvaccinedistribution**. צו טרעפן א וואַקסינאציע ארט (סייט) און צו מאכן אן אפוינטמענט, באזוכט **nyc.gov/vaccinefinder** אדער רופט **877-829-4692**.

צו לערנען מער וועגן קאָוויד-19 וואַקסינען, רעדט צו אייער העלט קעיר פּראָוויידער (דאקטאר א.ד.ג.), באזוכט **nyc.gov/covidvaccine** אדער רופט **311**.

NYC Health

די NYC העלט דעפּאַרטמענט וועט מעגליך ענדערן אירע רעקאָמענדאציעס אזוי ווי די צושטאנד טוישט זיך. 3.1.21

Yiddish